# משיחת ג׳ ניסן תשי״א

בס"ד. מה שדיבר בעת הקבלת פנים של החתן ש.א. סימפסאן שי'.
ג' ניסן ה'תשי"א.

הנחה בלתי מוגה

א. איינע פון די הויפט זאכן אין קידושין איז עדות, אין עדות איז פאראן צוויי אופנים. א) עדות וואס געבן גאו'ניט צו אין דער עצם זאך, זיי זיינען נאר מברר אז די זאך - וואס איז שוין געווען און ניט אפהייגניק אין זיי - איז ריכטיק, אזוי ווי עדות נפשות, אויך עדות הלואה וואס די עדות טוען ניט אויף אין דער עצם התחיבות הלוה צום מלוה, מערניט ווי זיי זיינען מפרסם דעם קול. ב) עדות וואס טוען אויף אין דער עצם זאך, אזוי ווי עדות קידושין וואס די עדות זיינען א חלק אין דער מעשה הקידושין, אזוי ווי די כסף קידושין, ווארום אזוי ווי צוליב אויף מאכן די קידושין, דארף זיין נתינת הכסף, ד.ה. נתינת הבעל וקבלת האשה, אזוי דארף זיין אויך עדות צוליב אויף מאכן די קידושין און אן עדות ווערט קיין קידושין ניט.

און דאס איז וואס מען האט גערעט אז איינע פון די הויפט זאכן אין קידושין איז עדות, ווארום עדי קידושין זיינען ניט קיין עדי בירור נאר עדי קיום, דערפאר זיינען זיי איינע פון די הויפט זאכן אין קידושין, עדי בירור אזוי ווי עדי הלואה א.ד.ג. זיינען ניט פון די הויפט זאכן אין דער מעשה ההלואה, ווארום די התחייבות הלוה ווערט מיט דער הלואה אליין אויך אן עדות, במילא זיינען די עדות מערניט ווי א זייטיקע זאך, אויף מפרסם זיין דעם קול אבער ניט נוגע צו די עצם ההלואה, דאקעגן עדות קידושין וואס זיי זיינען עדי קיום און זיי מאכן אויף די קידושין זיינען זיי איינע פון די הויפט זאכן אין קידושין.

ב. וויבאלד אז עדות הלואה והדומה זיינען עדי בירור, ד.ה. אז די עדות טוען גארניט אויף, מערניט ווי זיי זיינען מברר, און עדות קידושין זיינען עדי קיום, אז זיי טוען אויף אין די קידושין אליין, דערפאר זיינען זיי אפגעטיילט אויך אין זיך זעלבסט עדי בירור וואס טוען גארניט אויף אין דער זאך, און זייער גאנצע זאך איז אויף מברר זיין, איז וויבאלד זיי טוען גארניט אויף, זיינען זיי אליין קיין זאך ניט, עס דארף זיין א ב"ד וואס זאל אויס הערן זייער עדות, וואס דאן ווערט די זאך נתברר, וואס אין דעם באשטייט זייער עדות, דאקעגן עדי קיום וואס דורך זיי טוט זיך אויף די זאך, איז זייער עדות פאראן אויך אן א ב"ד, ווארום זיי זיינען ניט אויף מברר זיין נאר אויף אופטאן, במילא איז הגם זיי זיינען ניט געקומען צו ב"ד און די זאך איז נאך ניט נתברר געווארן, זיינען זיי עדות.

ג. דערפאר איז פאראן דעות אז עדי קידושין דארפן ניט האבן קיין חקידה ודרישה - עס איז פאראן א תשובה מכ"ק אדמו"ר הצ"צ וועגן דעם, צי עדי קידושין דארפן האבן חקירה ודרישה, די תשובה איז אבער ניט קיין געענדיקטע, במילא קאן מען ניט וויסן ווי עס איז געווען דעם צ"צ'ס מסקנא וועגן דעם - דער טעם איז ווייל עדי קידושין זיינען ניט קיין עדי בירור נאר זיי טוען אויף אין די התהוות הקידושין, במילא טוט זיך אפ זייער עדות אויך אן ב"ד, דערפאר דארפן זיי ניט האבן קיין חקירה ודרישה.

ע"ד ווי דער דין איז אז עדות זיינען מעיד שראו שפלוני

האט געטאן א מעשה וואס ער איז מחויב אויף איר מיתה, דארפן זיי
האבן חקירה ודרישה, אבער אויב זיי זיינען מעיד שנגמר דינו למיתה,
איז פאראן דעות אז זיי דארפן ניט האבן קיין חקירה ודרישה, וויבאלד
די זאך האט זיך שוין אפגעטאן, אזוי אויך עדי קדושין וויבאלד
זיי טוען אויף אין די התהוות הקדושין און זייער ענין האט זיך
שוין אפגעטאן, דארפן זיי ניט האבן קיין חקירה ודרישה.

ד. עס שטייט (ישעי׳) אתם עדי...וויבאלד אז אין עדות איז
פאראן צוויי ענינים, א) עדי בירור, ב) עדי קיום, במילא איז אין
דעם וואס עס שטייט אתם עדי, איז אויך פאראן די ביידע ענינים
פון עדי בירור ועדי קיום, וואס דאס איז די צוויי פירושים פון
זהר אויף וועמען עס גייט אתם עדי, א) אויף שמים וארץ, ב) אויף
נשמות ישראל.

לויט דעם פי׳ אין זהר אז אתם עדי מיינט שמים וארץ,
יעמאלט זיינען די עדות א עדות המבררת, ווארום דורך בריאת שמים
וארץ קען מען וויסן אז עס איז פאראן א כח הא"ס, אבער לויט דעם
פירוש אין זהר אז דאס גייט אויף נשמות ישראל, יעמאלט זיינען
די עדות ניט נאר עדי בירור נאר עדי קיום, ווארום נשמות ישראל
זיי טוען אויף אין דער זאך, זיי זיינען מגלה אז הוי׳ אלקינו
הוי׳ אחד, און מען מיינט ניט שולל זיין נאך אלקות ח"ו, נאר
אז אויסער דעם אויבערשטן איז ניטא קיין זאך, ווי עס איז מבואר
באריכות אין שעהיוה"א אז אין עוד מלבדו.

ה. און דאס איז אויך דער ענין פון א חתונה וואס אין דעם
ווערט נתגלה דער כח הא"ס אין נבראים, ובמילא איז דאס ניט קיין
ענין פון בירור נאר דורך דעם ווערט טאקע נמשך דער כח הא"ס אין
נבראים - דערפאר ביי קדושין איז דער ענין פון עדות נוגע אין
דער התהוות הקדושין.

ו. אויף א דבר הברור לכל דארף מען ניט האבן קיין עדות,
אויף א מילתא דעבידא לגלויי דארף מען אויך ניט קיין עדות, נאך
מער איז דער דין אז מתוך חומר שהחמדת עלי׳ בסופה הקלת בתחילתה,
וויבאלד זי ווייס אז איר וועט קומען אויף דעם א עונש חמור,
דארף מען ניט קיין עדות און עס איז גענוג א עד אחד ואפי׳
מפי עבד ומפי שפחה, און דער ענין פון עדות איז אויף א דבר הנעלם
לגמרי, וואס אויף דעם איז דער ענין פון עדות.

ז. אזוי איז אויך אין דעם ענין פון אתם עדי, אז אויף א
דבר הברור לכל ד.ה. אויף די אמונה וואס מ׳קאן צו איר צו קומען
דורך שכל, וואס דאס איז די אמונה אין ממכ"ע, דארף מען אויף
דעם ניט קיין עדות, ווייל וויבאלד שכל איז מכריח די אמונה איז
דאס א דבר הברור לכל, וואס דערפאר איז מבואר אין מאמר אז די
אמונה אין ממכ"ע וואס זי איז מוכרח עפ"י שכל, געפינט זיך אויך
ביי חסידי או"ה, און וויבאלד עס איז א דבר הברור לכל דארף מען
אויף דעם ניט קיין עדות.

די אמונה וואס מען קען צוקומען צו איר מיט שכל, וואס
דערפאר איז זי א דבר הברור לכל און עס פאדערט זיך ניט אויף
דעם קיין עדות, איז אויף׳ן לשון פון חסידות הייסט דאס די אמונה

- אין -

<u>הנחה בלתי מוגה</u>

אין ממכ"ע און אויף פשוט'ע אותיות הייסט דאס מקיים זיין תומ"צ
כל זמן מען קומט ניט צו א נסיון - דאס איז א דבר ברור לכל און
ניט אויף דעם שטייט אתם עדי.

ח. אויך די אמונה אין סוכ"ע וואס עס איז העכער פון שכל
אבער וויבאלד עס איז אזא דרגא וואס שכל גופא איז מכריח אז עס
איז פאראן למע' מן השכל איז דאס א מילתא דעבידא לאגלויי און
מען דארף ניט אויף דעם קיין עדות.

הגם עס איז העכער פון שכל אבער וויבאלד עס איז אזא
דרגא וואס מען קומט צו דעם צו דורך שכל גופא, ווארום אז ער
האט די אמונה אין ממכ"ע - וואס דאס איז מוכרח עפ"י שכל - און
ער שעפט אויס אלע ענינים פון ממכ"ע איז ער מכריח אז עס איז
פאראן סוכ"ע, איז הגם עס איז העכער פון שכל אבער וויבאלד אז
דאס גופא - דער למע' מן השכל - האט שכל אויף געטאן, איז דאס
א מילתא דעבידא לאגלויי.

וויבאלד אז דאס גופא - דער למע' מן השכל - איז מוכרח
עפ"י שכל, איז דאס א מילתא דעבידא לאגלויי און מען דארף ניט
אויף דעם קיין עדות - אויף וואס שטייט אתם עדי אויף די אמונה
אין עצומ"ה א"ס ב"ה וואס איז העכער פון שכל לגמרי.

ט. די מדרי' פון למע' מן השכל וואס איז מוכרח עפ"י שכל
און די מדרי' פון למע' מן השכל וואס דאס איז למע' מן השכל לגמרי
איז אויפ'ן לשון פון חסידות הייסט דאס די אמונה אין סוכ"ע און
די אמונה אין עצומ"ה א"ס ב"ה און אין פשוט'ע אותיות הייסט דאס קיום
התומ"צ במס"נ המדודה עפ"י מדידת השכל און קיום התומ"צ במס"נ
שלמע' מטו"ד לגמרי.

מצד די אמונה אין סוכ"ע, וויבאלד אז ער קומט אויף דעם
דורך דעם וואס מצד די השגה אין ממכ"ע איז ער מכריח אז עס איז
פאראן למע' מן השכל, איז הגם עס איז למע' מן השכל אבער וויבאלד
אז דאס גופא האט שכל אויף געטאן איז דאס פארבונדן מיט די מדידות
והגבלות פון שכל, ובמילא איז די מס"נ וואס מצד סוכ"ע א אויס
געמאסטענע במדידת השכל, משא"כ די מס"נ וואס עס קומט מצד די
אמונה אין עצומ"ה א"ס ב"ה, איז ניט מוגבל אין די הגבלות פון שכל.

מצד די אמונה אין ממכ"ע איז דער קיום התומ"צ כל זמן
ער קומט ניט צו א נסיון, וואס דאס איז קיום התומ"צ עפ"י טו"ד,
מצד די אמונה אין סוכ"ע איז דער קיום המצות העכער פון טו"ד,
ד.ה. קיום התומ"צ במס"נ, פונדעסטוועגן איז דאס פארבונדן מיט
די הגבלות פון שכל, ד.ה. עס איז מס"נ עפ"י שו"ע, אויף יעדער
נסיון וואס עס קומט צו אים, מאכט ער א חשבון צי עפ"י שו"ע דארף
ער זיך מס"נ זיין צי ניט און אויב עפ"י שו"ע איז דאס א ענין
פון יהרג ואל יעבור איז ער זיך מוסר נפש, איז דאך דער מס"נ
א אויס געמאסטענער במדידת השכל, וואס ער פארשטייט אז אויף אזא זאך
דארף מען זיך מוסר נפש זיין, ווארום אזוי האט ער געמאכט א חשבון
אז דאס איז א ענין פון יהרג ואל יעבור דאגעגען מצד די אמונה אין
עצומ"ה א"ס ב"ה וואס דאס קומט מצד דער עצם הנשמה, איז דער מס"נ
אן קיינע שום הגבלות און אן חשבונות ווי איז עפ"י שו"ע צי מען
דארף זיך אויף דעם מס"נ זיין צי ניט, און אויף דעם מס"נ וואס אויף
דעם שטייט אתם עדי וואס דאס איז עדי קיום, ווארום דורך דעם מס"נ
איז מען ממשיך ומגלה עצומ"ה א"ס ב"ה למטה.

<u>הנחה בלתי מוגה</u>

בס"ד. מה שאמר להת' דובער האוולין שי', בענין מה שדיבר בעת הקבלת פנים של ש.א. סימפסאן שי'.

א. שאלה: הרי כל הילפותא שצריך שני עדים בקדושין, ילפינן דבר דבר מממון, א"כ איך אפשר לחלק בין עדות בדיני ממונות לדין עדות בקידושין, שנאמר דבדיני ממונות העדות הם לראי' בעלמא ובקדושין לפעול המציאות?

תשובה: הילפותא הוא רק למספר העדים, דלענין זה ילפינן דבר דבר מממון, ובממון הם רק מבררים ובקדושין הם עושים המציאות.

שאלה: כיון שהילפותא מממון הוא רק לענין מספר העדים, ולא לענין פעולתם, מנין אנו יודעים שבקדושין העדים הם חלק ממעשה התהוות הקדושין?

תשובה: מצד הסברא.

ב. שאלה: כיון דבקדושין העדים הם העושים המציאות ובמילא אין צריכים להגדה לב"ד ועדותם נגמר בזה שראו את המעשה כמבואר בהשיחה, א"כ קשה דכשראו קרובים או פסולים מעשה הקדושין יתבטלו הקדושין, שהדי הדין בעדות הוא דאם נמצא מהם קרוב או פסול עדותן בטילה. בשלמא בדיני ממונות שהעדים הם רק לבירוד בעלמא ובמילא העדאתם הוא הגדתם לב"ד, לכן כשהיו קרובים ופסולים בשעת דאיתם לא נפסל העדות, כ"א דוקא כשהיו קרובים ופסולים בשעת ההגדה, משא"כ בקדושין שהראי' הוא העדות, יתבטלו הקדושין?

תשובה: בקדושין לא שייך לומר שיתבטלו העדות מצד שנמצא אחד מהם קרוב או פסול, והטעם הוא משום דבקדושין העדים עושים המציאות, דדוקא בדיני ממונות שאין העדים פועלים שום דבר והם רק מבררים את המעשה, אז הדין הוא דכשנמצא אחד מהם קרוב או פסול הנה זה הקרוב או פסול אינו נותן לברר את המעשה, משא"כ בקדושין שהעדים פועלים בהתהוות הקדושין ונעשה הקדושין על ידיהם, אין שייך לומר שהקרוב או פסול יבטל מעשה הקדושין, שהדי הוא צריך לבטל מציאות ולבטל מציאות צריך א גוואלדיקן כח (כח מיוחד), וכמו שאומר הראגאצבי ונתבאר בהשיחה הטעם מה שאין צריך חקירה ודרישה בעדי קדושין מפני שעל ידי העדים כבר נגמר המעשה, וכמו לשיטת הפוסקים שבעדים שראו שנגמר הדין אין צריכים חו"ד, (מלשון הרמב"ם מדייקים דבנגמר הדין א"צ חו"ד, אך אי"ז כ"א דיוק לשון בעלמא ויש מדייקים כך ויש מדייקים כך), משום שכבר נגמר המעשה, וכמו"כ הוא גם בנמצא אחד מהם קרוב או פסול שאינו יכול לבטל מעשה הקדושין.

ובזה יש לבאר הטעם מה שבקדושין אין אומרים תוכ"ד כדבור דמי (ב"ב קכט, נדרים פז) משום דבדיבור הזה שקידש בפני עדים כבר נגמר הענין ולכן אינו יכול הדיבור השני לבטלו דהוי כמו מעשה, דכיון שהעדים פועלים בהתהוות הקדושין הוי כמו מעשה ואין יכולים לבטלו, ואין לומר דתוכ"ד אין נגמר המעשה עדיין, שהדי הדין הוא באחד שאומר לחבירו שנותן לו מתנה ולקחו המקבל מתנה תוכ"ד ואכלו, והנותן חזר בו תוכ"ד אינו חייב לו כלום, וכן גם לכתחילה מותר לאכלו תוך כדי דיבור, הדי שהענין נגמר גם תוכ"ד, ולכן אין אומרים בקדושין תוכ"ד כדבור כיון שע"י העדים נתהוו הקדושין, ומציאות א"א לבטלו.

ג. ובגוף הענין שבקדושין העדים הם העושים המציאות והם

- חלק -

חלק ממעשה הקדושין יש לבאר דברי הרמב"ם שכותב דבקדושין העדים הם גזה"כ, והטעם בזה הוא דבקדושין העדים אינם לבדר כ"א לעשות מציאות, דכשהעדים באים לברר אז הנה אף שפרטי דיני העדות אין מובנים אבל מ"מ הנה כללות ענין העדות יש לו מקום בשכל, וכמו איסור מלאכת שבת, אף שפרטי דיני המלאכות אינם מובנים, דבמקום אחד מותר לשאת משאות כבדות ולהוציא (מרשות לרשות) אסור גם דבר קטן, מ"מ כללות הענין דמלאכת שבת מובן בשכל, וכמו"כ כללות ענין העדות מובן בשכל אף שפרטי דיני העדות אינם מובנים, משא"כ בקדושין שהעדים הם העושים המציאות, הנה כללות הענין אינו מובן ולכן כותב הרמב"ם שעדות בקדושין הוא גזה"כ.

# משיחת ש״פ שלח תשל״ו

וואס דאס (וואס דער תכלית איז די נשמה זאל אראפקומען למטה אין א גוף) איז אויך פארבונדן מיט דעם ענין פון נתינת התורה:

די גמרא (שבת פח, ב) דערציילט אז די מלאכים האבן גע'טענה'ט תנה הודך על השמים, און משה רבינו האט זיי געגטפערט למצרים ירדתם, משא ומתן יש ביניכם, אב ואם יש לכם, יצה"ר יש ביניכם וכו', און דאס האט גע'פועל'ט אז מ'זאל געבן אידן די תורה.

ד.ה. אז דוקא מצד דערויף וואס מ'געפינט זיך דא למטה אין א גוף, וואס דעמולט איז שייך למצרים ירדתם און אב ואם יש לכם וכו' - דאס נעמט דעם ענין פון תורה.

- תורה איז דאך ניט נתהווה געווארן בעת מתן תורה, די תורה איז געווען אויך פריער, והראי' אז די מלאכים האבן געבעטן תנה הודך על השמים, הייסט דאך דאס אז ס'איז שוין געווען דער ענין פון תורה,

און די תורה איז געווען אפי' דא למטה, ווי די גמרא (יומא כח,ב) זאגט מימיהן של אבותינו לא פרשה ישיבה מהם אפי' זייענדיק אין מצרים, עאכו"כ איידער מ'איז געקומען אין מצרים - אברהם אבינו זקן ויושב בישיבה (שם), און קיים אברהם אבינו את כל התורה כולה עד שלא ניתנה (שם), עד"ז יצחק און יעקב און די שבטים,

דעמולט איז אבער ניט געווען די דרגא פון חמודה גנוזה, אז דאס איז גנוזה ביים אויבערשטן, און "שעשועים גו' לפניו" (משלי ח, ל). דוקא דער ענין פון למצרים ירדתם - דער ענין פון מצרים וגבולים, ובכללות

- איז -

<u>הנחת הת' בלתי מוגה</u>

איז דאך דאס דער ענין פון וועלט - דאס האט אויפגעטאן ס'זאל נמשך ווערן דער ענין פון חמודה גנוזה.

וואס דער ענין איז פארבונדן מיט דעם ענין פון שלישי, ווארום דער אויפטו פון מ"ת איז געווען אז ס'איז דא דריי זאכן: דער אויבערשטער, א נשמה, און וועלט. ד.ה. ניט נאר אז ס'איז דא דער אויבערשטער מיט נשמות ישראל, וואס דאס אליין איז דאך אויך א גוואלדיקע זאך, אבער דעמולט גיט מען ניט די תורה, דוקא בשעת ס'איז דא אויך דער ענין פון וועלט - דעמולט גיט מען תורה.

און ווי מ'זעט דאס אויך דערפון וואס מ'זאגט אז די וועלט איז באשאפן געווארן בשביל התורה שנקראת ראשית ובשביל ישראל שנקראו ראשית (רש"י ר"פ בראשית), און ווי די גמרא (שבת פח, א) זאגט עה"פ "ארץ יראה ושקטה" (תהלים עו, ט) אז פאר מ"ת איז די וועלט געשטאנען אין א מעמד ומצב פון ציטערניש - יראה, און מ"ת האט אויפגעטאן דעם "שקטה" - אז ס'איז געווארן קיום העולם.

ד.ה. אז דער אויפטו פון מ"ת איז, אז ס'איז דא דריי זאכן: דער אויבערשטער, א נשמה, און וועלט, וואס דאס איז דער ענין פון ירחא תליתאי.

לכאו' איז ניט פארשטאנדיק ווי קען מען זאגן אז מ"ת האט אויפגעטאן אז ס'איז דא אויך די בציאות פון וועלט - פאר מ"ת איז דאך אויך געווען א וועלט, ואדרבה, דעמולט איז די וועלט געווען בתוקף יותר ווי זי איז לאחר מ"ת, ווארום לאחר מ"ת קען מען דאך משנה זיין און מהפך זיין די בציאות פון וועלט - נעמען א חפץ פון וועלט און מאכן פון אים א חפצא דקדושה, משא"כ פאר מ"ה האט מען ניט געקענט בייטן די מציאות פון וועלט (ראה לקו"ש ח"ה ע' 79 וש"נ), קומט דאך אויס אז פאר מ"ת איז מציאות העולם געווען בתוקף יותר.

וואס דאס איז דאך דער חילוק צווישן פאר מ"ת מיט נאך מ"ת: פאר מ"ת איז אויך געווען דער ענין פון לימוד התורה, ווי מ'זאגט אברהם זקן ויושב בישיבה הי', און ס'איז אויך געווען דער ענין פון קיום המצוות, ע"ד דער ענין פון הכנסת אורחים וואס איז געווען ביי אברהם'ן, וואס דאס איז געווען מיט גויים, זיינען זיי דאך געבליבן גויים אזוי ווי פריער, עד"ז דער פר בן בקר איז געבליבן א פר בן בקר, ס'האט זיך ניט אויפגעטאן א שינוי אין וועלט דורך זיין עבודה.

עד"ז בנוגע צו די עבודה פון יעקב אבינו מיט די מקלות; ס'שטייט דאך אין זוהר (ח"א קסב, א) אז דער ענין המקלות פון יעקב איז דאס בדוגמת ענין התפילין וואס ס'איז דא איצטער, אעפ"כ זיינען די מקלות געבליבן שטעקלאך אזוי ווי פריער, ס'איז מערניט אז דורך זיי האט ער ממשיך געווען די ענינים פון תפילין ברוחניות.

משא"כ לאחר מ"ת, איז בשעת א איד איז מקיים א מצוה מיט א חפץ פון וועלט, בייט ער די מציאות פון דעם חפץ אז דאס ווערט א חפצא דקדושה.

וואס דערפון זעט מען דאך אז פאר מ"ת איז מציאות העולם געווען בתוקף יותר ווי ס'איז איצטער, ווארום מ'האט ניט געקענט משנה זיין די מציאות פון וועלט, איז ווי זאגט מען אז דער אויפטו פון מ"ת איז אז ס'איז דא א וועלט - וועלט איז געווען אויך פריער, ובתוקף יותר?

איז דער ביאור בזה, ס'איז טאקע געווען די מציאות פון וועלט, אבער ס'איז ניט געווען דער צד השוה צווישן דעם אויבערשטן און נש"י מיט וועלט, און מ"ת האט אויפגעטאן אז ס'איז דא א צד השוה צווישן זיי.

- און -



הנחת הת' בלתי מוגה

און ווי גערעדט פריער (ש"פ נשא) דאס וואס די משנה (אבות בתחלתה) זאגט "הם אמרו שלשה דברים", דלכאו׳ וואס דארף די משנה זאגן הם אמרו שלשה דברים, זאל מען איבערציילן דאס וואס די משנה רעכנט אויס ווייטער, וועט מען אליין זען אז זיי האבן געזאגט דריי זאכן? נאר דער ביאור איז אז גלייך נאך דערויף וואס מ׳זאגט "משה קבל תורה מסיני ומסרה וכו׳ לאנשי כנסת הגדולה", זאגט ער גלייך הם אמרו שלשה דברים, אז זיי האבן געזאגט אז ס׳איז דא דריי זאכן: דער אויבערשטער, נש"י, און וועלט. און דאס זיינען "שלשה דברים", זיי זיינען גלייך - זיי האבן צווישן זיך א צד השוה. וואס דאס איז דער אויפטו פון מ"ת.

פאר מ"ת זיינען דער אויבערשטער און נש"י געווען באזונדערע זאכן; דער אויבערשטער איז דער נותן התורה, און נש"י זיינען מקבלי התורה, און מ"ת האט אויפגעטאן אז אידן ווערן איין זאך מיטן אויבערשטן כביכול, און אפשר גאר אן א כביכול, במילא ווערן זיי א שותף להקב"ה, ווארום ער איז איין זאך מיטן אויבערשטן.

און ניט נאר אז א איד איז א שותף להקב"ה, נאר נאכמער, דער אויבערשטער זאגט נצחוני בני נצחוני (ב"מ נט, א), ווארום וויבאלד אז ער איז א שותף להקב"ה, און ביי שותפים אמיתיים, איז וויבאלד אז אין דעותיהם שוות, איז אמאל מנצח דער שותף, און אמאל איז מנצח דער צווייטער שותף; אמאל איז מנצח דעת עליון, און אמאל איז מנצח דעת תחתון - נצחוני בני נצחוני. וואס דאס איז בנוגע צו אידן.

עד"ז האט מ"ת אויפגעטאן בנוגע צו וועלט אז וועלט זאל ווערן איין זאך מיטן אויבערשטן, וואס דאס ווערט דורך דעם וואס אידן מאכן פון וועלט.- אלקות; וויבאלד אז א איד ווערט א שותף להקב"ה, במילא קען ער מאכן פון וועלט א נייע זאך - וועלט זאל ווערן אלקות.

און ניט נאר אז וועלט באקומט א צד השוה מיט אויבערשטן - אז זי ווערט אלקות, נאר נאכמער, זי פועל׳ט אין דעם אויבערשטן (ע"ד ווי מ׳זאגט בנוגע צו נש"י נצחוני בני נצחוני), ווארום די וועלט ווערט דאך א דירה לו ית׳, במילא פועל׳ט דאס למעלה, ע"ד ווי מ׳זאגט (ברכות נז, ב) דירה נאה מרחבת דעתו של אדם;

ע"ד ווי דאס איז ביי דעם אדם למטה, אז אע"פ אז די דירה איז אן ענין חיצוני, און דאס איז געמאכט געווארן פון עצים ואבנים ועפר, וואס דאס איז דאך דער עיקר פון דעם בית - די דרגא פון דומם, ווארום אפי׳ די עצים וואס זיינען אין דעם בית, איז דאך דאס נאך דערויף וואס מ׳האט דאס אפגעשניטן פון בוים, איז דאס שוין ניט צומח, נאר אין א מעמד ומצב פון דומם, אעפ"כ זאגט מען אז א דירה נאה מרחבת דעתו של אדם.

פארוואס איז דאס אזוי ביי דעם אדם למטה, ווייל אזוי איז דאס למעלה, אז א דירה נאה מרחבת דעתו פון דעם אדם העליון שעל הכסא, ד.ה. אז וויבאלד מ׳מאכט פון וועלט א דירה לו ית׳, פועל׳ט דאס דעם מרחבת דעתו למעלה, בדוגמת נצחוני בני נצחוני.

עד"ז זאגט מען דאך אויך בנוגע צו קרבנות, נח"ר לפני שאמרתי ונעשה רצוני (רש"י ויקרא א, ט), אז דורך דערויף וואס מ׳האט מקריב געווען א בהמה, און ס׳איז אויך געווען די נסכים, און מלח, וואס דאס איז דאך פון דצ"ח, און ס׳איז געווען די כהנים [וואס האבן מקריב געווען דעם קרבן] און די בעלים, וואס דאס איז דער ענין פון מדבר, איז דאך געווען אלע פיר דרגות פון דצח"מ, וואס דאס איז דאך כללות העולם, און דורך דערויף האט מען גע׳פועל׳ט דעם נח"ר לפני.

- וואס -

<u>הנחת הת׳ בלתי מוגה</u>

וואס דאס איז דער אויפטו פון מ"ת אז ס'איז דא שלשה דברים: דער אויבערשטער, נש"י, און וועלט. און ניט אז ס'איז דריי באזונדערע זאכן, נאר זיי ווערן אלע איין זאך כנ"ל.

ובסגנון הרמב"ם (הל' יסוה"ת פ"ב ה"י) איז דאס דער ענין פון הוא היודע והוא הידוע והוא הדעה עצמה, אז ס'איז דא דער בקור הידיעה וואס פון דארטן נעמט זיך תורה, און ס'איז דא דער יודע - די נשמה וואס איך איר ווערט א שינוי דורך לימוד התורה, און ס'איז דא דער נושא המושכל - דער ידוע, דאס וואס תורה נתלבשה בדברים גשמיים. און אויף דעם זאגט מען הוא היודע והוא הידוע והוא הדעה עצמה - דאס איז איין זאך. ובלשון פון אלטן רבי'ן אין תניא (פ"ה) "והוא יחוד נפלא שאין יהוד כבוהו".

די הוראה דערפון אין עבודת האדם: בשעה א איד דארף ארויסגיין סאן אין וועלט - יצא אדם לפעלו ולעבודתו (תהלים קד, כג), קען ער דאך טראכטן אז ס'איז ניטא קיין אחריות ער זאל מאכן פון וועלט עס זאל ווערן איין זאך מיט דעם אויבערשטן און נש"י, ווארום דאס זיינען דריי באזונדערע ענינים; ס'איז דא דער אויבערשטער וואס ער איז אחדות פשוטה און אין אים איז ניטא קיין שינויים, און ווי מ'זאגט אתה הוא עד שלא נבה"ע אתה הוא משנברא העולם, דערנאך איז דא דער אדם וואס ער איז א בחודש, און דערנאך איז דא די וועלט, וואס זי איז נאך נידעריקער, ווארום זי איז בערניט ווי א טפל צו ישראל און תורה, און לכאו' איז דאך טאקע אזוי,

איז אויף דעם זאגט מען אים אז בתחלה העבודה דארף מ'א'ע אזוי זיין, אבער דער תכליה איז אז סוכ"ס זאל מען מאכן פון די דריי ענינים - איין זאך.

יעדער ענין דארף דאך שטיין אין נגלה, ועד"ז בעניננו, איז דאך דא וואס די גמרא (ברכות יג, ב. סוכו"ע סס"א וב"י שם) זאגט אז דער ווארט "אחד" איז ברמז: דער א' - אויף אלופו של עולם, דער ה' - אויף ז' רקיעים וארץ, דער ד' - אויף ד' רוחות העולם.

און דער סדר איז אז פריער שטייט דער א' דערנאך דער ח' דערנאך דער ד', ד.ה. אז פריער איז דא דער "בראשית ברא אלקים", וואס דאס איז דער א', דערנאך איז דא "את השמים ואת הארץ", וואס דאס איז דער ה', און דערנאך איז דא אין ארץ גופא - די הגבלה פון ד' רוחות העולם, וואס דאס איז דער ד'. און עפ"י הלכה דארפמען שרייבן די דריי אותיות ניט אלס דריי באזונדערע זאכן, נאר אין איין ווארט, ד.ה. אז תורת אמת זאגט אז דער אויבערשטער מיט וועלט איז איין זאך.

און תורה זאגט אז "אין עוד מלבדו" (ואתחנן ד, לה), וואס לכאו' ווי קען מען זאגן אז אין עוד מלבדו, תורה אליין זאגט דאך בראשית ברא אלקים את השמים ואת הארץ - אז ס'איז דא א וועלט, איז ווי זאגט מען צוזאמען דערמיט אז אין עוד מלבדו? איז דער ביאור בזה, אז די מציאות פון שמים וארץ איז אלקות, ס'איז טאקע דא שמים וארץ, אבער דאס איז ניט מלבדו, ווארום ס'איז אלקות.

ואע"פ אז מ'זעט דאך אז די וועלט איז א דבר המוגבל, מהלך ת"ק שנה וכו', איז דאך דא א דין בנוגע צו הלכות שבת (שבת צג, ב), אז אויב מ'איז מוציא א כלי מרשות לרשות, איז ער חייב אויף דעם, אבער אויב ער נעמט ארויס דעם כלי צוזאמען מיט אן אוכל, און ביי אים איז דער עיקר דער אוכל (ניט דער כלי), ווערט דער כלי בטל צום אוכל, און אויב דער אוכל איז פחות מכשיעור, איז ער פטור אויף דעם כלי.

- איז -

איז בשעת דער כלי מיטן אוכל זיינען באזונדערע זאכן, דעמולט איז דער כלי א מציאות, ועד"ז פאר מ"ת איז די וועלט געווען א באזונדער זאך פון אלקות, איז געווען דער תוקף המציאות פון וועלט, ד.ה. תוקף המציאות פון חומריות העולם, און מ"ת האט אויפגעטאן אז דער כלי מיטן אוכל זיינען צוזאמען - וועלט מיט אלקות זיינען איין זאך, ווערט בטל דער תוקף המציאות פון וועלט, ווארום זי איז אלקות.

[וואס דאס איז אויך וואס מ'זאגט ה' אחד און ניט ה' יחיד. דלכאו' האט מען געדארפט זאגן ה' יחיד, ווארום בשעת מ'זאגט אחד, קען דאך זיין דערנאך שנים וכו', משא"כ בשעת מ'זאגט יחיד, איז דאס אחדות פשוטה, און מער איז קיין זאך ניטא, האט מען דאך געדארפט זאגן ה' יחיד, אז ס'איז ניטא קיין מציאות, אפי' נש"י ווי זיי זינען אלס אן ענין בפ"ע - זיינען אויך ניטא;

אעפ"כ זאגט מען דוקא ה' אחד, וואס דאס איז מדגיש אז אויך נאך דערויף וואס ס'איז דא א וועלט, זאגט מען אז דאס איז איין זאך מיטן אויבערשטן].

און דאס וואס מציאות העולם ווערט בטל, און ס'ווערט אלקות (ע"ד ווי דער כלי ווערט בטל לגבי דעם מאכל), איז דאס גאר למעליותא, ע"ד ווי בשעת דער כלי ווערט בטל לגבי דעם מאכל, באקומט דעמולט דער כלי די חשיבות פון דעם מאכל, עד"ז בנוגע צו וועלט, אז ס'ווערט בטל די תומריות פון וועלט, און די וועלט ווערט אלקות.

וע"ד דער דין בנוגע צו הלכות שבת (שו"ע אדה"ז או"ח סשל"ד סי"ח) אז מ'איז מציל דעם תיק פון ס"ת צוזאמען מיטן ס"ת עצמה, ווארום דער תיק איז בטל צו די ס"ת, און די ס"ת פועל'ט אויף אים אן עילוי, וואס דערפאר איז מען מציל אויך דעם תיק.

וואס דאס איז דער חידוש פון מ"ת וואס דעמולט האט זיך אויפגעטאן אז וועלט זאל ווערן אלקות, ווי דער מדרש (שמו"ר פי"ב, ג) זאגט אז דעמולט איז געווארן עליונים ירדו למטה, וואס דאס איז געווען דער ואני המתחיל, וואס דאס האט גע'פועל'ט ס'זאל קענען אויך זיין תחתונים יעלו למעלה, וואס דאס ווערט דורך די עבודה פון נש"י וואס זיי זיינען דאך איין זאך מיטן אויבערשטן, וואס דערפאר קענען זיי מעלה זיין די וועלט.

און ווי ס'שטייט אין מדרש (תנחומא ויגש ו) היו מכבדין את המצוות שהם שלוחי, און שלוחו של אדם כמותו (קידושין מא, ב), און ווי דער חת"ס (שו"ת אהע"ז ח"א סי"א) קאכט זיך אז דאס איז כמותו, וואס דאס מיינט דאך כמותו ממש - פונקט ווי דער משלח (לקו"ת ויקרא א, ג), קומט דאך אויס אז דורך קיום המצוות - שהם שלוחי - באקומט ער דעם כח פון דעם אויבערשטן, און דערפאר קען ער איבערמאכן די וועלט, זי זאל ווערן אלקות.

וואס דאס איז וואס מ'זאגט אז בשעת מ"ת איז געווארן קיום העולם - ווארום פאר מ"ת איז די וועלט ניט געווען פארבונדן מיט אלקות, דערפאר איז זי געשטאנען אין א מעמד ומצב פון ירדאה, אבער בעת מ"ת וואס דעמולט איז וועלט געווארן איין זאך מיט אלקות, דעמולט איז געווארן קיום העולם - ושקטה.

משיחת ש״פ וישב תשל״ז